באַראַטונג פאַר פּראָפעסיאָנעלע בילדונג

ביאַליסטאָק, 20—23 פעברואַר 1922.

ונג

ן דער געז. „אָרט", אין
באַראַטונג האָבן זיך באַ=
פון די שטעט: וואַרשע,
לעמבערג, פינסק, פעטרי=
נאָוואָגרודאָק און סלאָ=

רעזאָלוציעס און טעזיסן

ן פון ס
ע ה ז י ן כ ה ן,
דער ביי האַנטווער
גלייענט געוואָרן צוויי א
נג אין גאַליציע — פרוי ד"ר קלאַפּסטיק,
ו ו י ן כ ה ן.
עראַטן: 1) פּראָגראַם=אַרבעט און באַ=
יקסטע אייַנאָרדענונג פון די וואַרשטאַטן—
שטאַטן אויף האָלץ=באַאַרבעטונג — איבער
נייטעריי — ה. אַ ב ר אַ מ אָ ו י ט ש; 5) ד
ן דער אָרט און פאַרנעם פון דעם סטאָ=
. ט ש ע ר נ י אַ ק אָ ו.
אויף

Żabia 9, m. 31.
ulanka 9. m.

ווילנע
פאַרלאַג „אָרט"
1922

פּרייז 100 מאַרק.

פאַרלאַג „אָרט“.

אַגראָנאָם קאַדישעס. באָדן-קענטשאַפט,
ווילנע 1920. 31 זײַטן.

ע. רווין ב. ה. ן. פּראָפעסיאָנעלע בילדונג,
ווילנע 1922. 23 זײַטן.

פּראָפ. ל. גרעץ. עלעקטריע.
ווילנע 1922. VIII+270 זײַטן.

הויפּט-פאַרקויף אין ביכער-לאַגער „קולטור-ליגע“,
וואַרשע לעשנאָ 52.

אַליין...
...פֿנם יונגנטלעבן,
...פּראָפעסיע, כדי צו פ...
...ווילב געוויסע סעמים
ב) אונטערשטיצן
דורך אַ פּראָפ. שול. אין
ג) ספּעציעלע פּראָפ. קע...
מלאכות זאָלן אָפּלאָזן ד...
צו באַשטימען דעמדאָזיק...
אויסבילדונג איז באַזונד...
וואַרשטאַט פֿאַר 4—6

אַדרעסן פון „אָרט“:

1) T-wo „ORT", Warszawa, Żabia 9, m. 31.
2) T-wo „ORT", Wilno, Pohulanka 9, m. 2.

צוגעדריי פון דער צענטר. ייד. שול-אָרגאַניזאַציע. — דרוקערײַ ב. ציונסאָן און קאָמפּ., ווילנע, ...

באַראַטונג פאַר פּראָפעסיאָנעלע בילדונג

צונויפגערופן דורך „אָרט“.

די באַראַטונג פאַר פּראָפעסיאָנעלע בילדונג, צונויפגערופן דורך דער געז. „אָרט“, איז פאָרגעקומען אין ביאַליסטאָק דעם 20—23 פעברואַר 1922. אין דער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון 27 אַנשטאַלטן פאַר פּראָפעסיאָנעלע בילדונג פון די שטעט: וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק, בריסק, גראָדנע, יאַסלאָ, לאָדזש, לאָמזשע, לוצק, לעמבערג, פינסק, פעטריקאָוו, סטרי, קאָברין, קאָוועל, און פון 2 געזעלשאַפטן „שוקדי מלאכה“: נאָוואָגרודאָק און סלאָנים. אויסער דעם זיינען צו דער באַראַטונג געקומען פאָרשטייער פון צענטראַל-פאַרוואַלטונג „אָרט“, ד. ד. ק. (דעפּאַרטאַמענט פאַר רעקאָנסטרוקציע), האַנטווערקער-ראַט (וואַרשע, לעשנאָ), פון די צוויי שול-צענטראַלעס: צ. י. ש. אָ. און „תרבות“ און אַיינגעלאַדענע פאַכלייט. אינגאַנצן האָבן זיך אין דער באַראַטונג באַטייליקט 50 דעלעגאַטן.

אין פּלענום פון דער באַראַטונג זיינען אויסגעהערט און באַטראַכט געוואָרן פאָלגנדיקע רעפעראַטן: 1) וואָס פאַר טיפּן פּראָפעסיאָנעלע בילדונגס-אַנשטאַלטן דאַרף מען איצט בויען — אינזש. ל. פ ר ע נ ק ע ל (געלייענט דורך י. י אַ ש ו נ ס ק י); 2) פאָרבילדונג, דערגאַנצונגס-שולן און קורסן — אינזש. פ ש ע נ י ט ש נ י ק אָ ו ו; 3) העכערע טיפּן פון טעכנישער אויסבילדונג—אינזש. ש ר יי ב ע ר; 4) אויסבילדונג פון לערער-פּערסאָנאַל — ע ר ו ו י ן כ ה ן; 5) טעכנישע ליטעראַטור — י. י אַ ש ו נ ס ק י; 6) פּאַטראָנאַטן פאַר לערנקינדער ביי האַנטווערקער — ב. כ ה ן.

ביי דער עפענונג פון דער באַראַטונג זיינען געלייענט געוואָרן צוויי אינפאָרמאַטיווע רעפעראַטן: וועגן דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער בילדונג אין גאַליציע — פּרופ׳ ד״ר ק ל אַ פ ט י ן, און וועגן די לערן-וואַרשטאַטן אין דייטשלאַנד — ע ר ו ו י ן כ ה ן.

די סעקציעס האָבן באַהאַנדלט פאָלגנדיקע רעפעראַטן: 1) פּראָגראַם-אַרבעט און באַשטעלונגען — אינזש. אַ ס אָ ר אָ ד אָ ב ר אַ י; 2) אינעווייניקסטע אייַנאָרדענונג פון די וואַרשטאַטן— אינזש. מ. ג אָ ז ש אַ נ ס ק י; 3) לערנפּלענער פאַר וואַרשטאַטן אויף האָלץ-באַאַרבעטונג — אינזש. ל. פ ר ע נ ק ע ל; 4) דאָסזעלביקע פאַר שניידעריי און נייטעריי — ה. אַ ב ר אַ מ אָ ו ו י ט ש; 5) די פּאָדערונג פון דער פּראָפ. שול צו דער פאָלקסשול און דער אַרט און פאַרנעם פון דעם טעאָרעטישן אונטעריכט אין אונזער פּראָפ. שול — אינזש. ט ש ע ר נ י אַ ק אָ ו ו.

אויסער דעם איז געווען געבילדעט אַ קאָמיסיע אויך צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן אויסבילדונג פון אינסטרוקטאָרן.

די רעזאָלוציעס פון די סעקציעס און פון דער קאָמיסיע זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער לעצטער זיצונג פון דער באַראַטונג. מיר ברענגען דאָ אַלע אָנגענומענע רעזאָלוציעס. אַ אויספירלעכער באַריכט איבער דער באַראַטונג וועט פּובליקירט ווערן באַזונדער.

רעזאָלוציעס.

1. צו דער פראַגע: וואָס פאַר טיפּן פּראָפעסיאָנעלע בילדונגס=אַנשטאַלטן דאַרף מען איצט בויען.

.1

די באַראַטונג אַנערקענט, אַז אויף דעם געביט פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג זיינען די
אויפגאַבן פון איצטיקן מאָמענט פאָלגנדיקע:

א) די ערשטע און די וויכטיקסטע אויפגאַבע איז — אַ ברייטע און ענערגישע אַרבעט פון
אָרגאַניזירן אַנשטאַלטן פאַר פּראָפעסיאָנעלע בילדונג, וועלכע זיינען אימשטאַנד אין אַ פאַרהעלטניש=
מעסיקן קורצן טערמין צוצוגרייטן יונגע האַנטווערקער=געהילפן אין פאַרשיידענע פאַכן, וואָס
זיינען פאַרשפּרייט צווישן יידן און זיינען ניט זייער קאָמפּליצירט און קוואַליפיצירט, ווי למשל:
שוסטעריי, שטעפּעריי, רימעריי, שניידעריי, וועש=נייטעריי, סטאָלעריי, שמידעריי און אַנד.

ב) די צווייטע אויפגאַבע איז — די צוגרייטונג פון געלערנטע אַרבעטער פאַר דער פאַבריק=
אינדוסטריע און פאַר הויך=קוואַליפיצירטע פאַכן, ווי למשל: מעכאַנישע שלאָסעריי, מאַשינען=בוי,
עלעקטראָטעכניק, אַוטאָמאָביל=פאַך, טעקסטיל=אינדוסטריע, קונסט=פאַכן.

ג) די הייבונג פון דעם אַלגעמיינעם און פון טעכנישן צושטאַנד פון יידישן האַנטווערק
און פאַבריקאַציע דורך אָרגאַניזירן ספּעציעלע אַנשטאַלטן פאַר פּראָפעסיאָנעל=טעכנישע אויסער=
שול=בילדונג פאַר דערוואַקסענע אַרבעטער און האַנטווערקער — איז אַ וויכטיקע וויכטיקע
אויפגאַבע.

.2

די הויפּט=טיפּן פון אַנשטאַלטן פאַר פּראָפ. בילדונג, וועלכע זיינען צוגעפּאַסט צו די אויס=
גערעכנטע אויפגאַבן און צו די באַדינגונגען פון איצטיקן לעבן, זיינען פאָלגנדיקע:

א) לערן=וואַרשטאַטן מיט אַ 2=יאָריקן קורס (פאַר גאָר קאָמפּליצירטע מלאכות $2^1/_2$ יאָר)
מיט אַ לערנפּלאַן, וואו פּראַקטישע אַרבעט פאַרנעמט דעם אויבנאָן.

ב) לערן=וואַרשטאַטן מיט 1=יאָריקן קורס פאַר מינדער קאָמפּליצירטע פאַכן, דאָס גלייכן
מיט אַ פּראַקטישן כאַראַקטער פון די למודים.

ג) קונסט= און צייכן=אָוונט=קלאַסן פאַר אַרבעטער און האַנטווערקער, וועלכע זיינען באַ=
שעפטיקט אין פאַכן, וואו קינסטלערישע אויסבילדונג שפּילן אַ באַזונדער ראָלע.

אין די גרעסערע שטעט דאַרפן בהסכם מיט די לאָקאַלע באַדערפענישן געגרינדעט ווערן אויך:

ד) פאַכשולן און ספּעציעלע שולן מיט אַ 3=יאָריקן קורס און מיט אַ ברייטערן פּראָגראַם
פון די ספּעציעלע טעכנישע און גראַפישע למודים.

ה) אָוונט=קורסן פאַר אַרבעטער, געהילפן און מייסטערס אויף צו דערגאַנצן זייערע טעאָ=
רעטישע און טעכנישע ידיעות.

.3

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די איצטיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פאָדערן אַ פאַרקירצונג
פון דער לערנצייט, אַנערקענט די באַראַטונג, אַז מען דאַרף אָננעמען באַזונדערע מיטלען, כדי
אויסצוגלייכן דעם אָנווער אין דער לערנצייט. דידאַקטישע מיטלען זיינען פאָלגנדיקע:

א) ניט אויפצונעמען אין די לערן=וואַרשטאַטן און שולן קינדער יינגער פאַר 14 יאָר.

ב) צו אָנערקענען פּרינציפּיעל, אַז אין פּראָפעסיאָנעלע בילדונגס=אַנשטאַלטן ווערן אָנ=
גענומען קינדער, וועלכע האָבן געענדיקט אַ פאָלקסשול. יעדנפאַלס טאָרן ערגעץ ניט אויפגענומען

ווערן קינדער, וועלכע האָבן זיך ניט אויסגעלערנט לייענען און שרייבן און די 4 אַריפמעטישע אָפּעראַציעס.

ג) אויפצונעמען אויסשליסלעך פּולקום געזונטע קינדער, וועלכע זיינען פיזיש פעאיק צו דער אַרבעט און זיינען אונטערזוכט פון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע.

ד) אַיינצופירן, אַז דער ערשטער חודש אָדער די ערשטע 3—2 חדשים נאָכן אויפנאַם גילטן פאַר אַ פּראָבע=צייט, און ווער עס ווייזט זיך אַרויס פאַר ניט פעאיק צו דער אַרבעט מוז פאַרלאָזן דעם וואַרשטאַט.

ה) דורכצופירן אַ געהעריקע אינטענסיפיקאַציע פון אַלע למודים און פון דער גאַנצער אַרבעט אין די וואַרשטאַטן און קלאַסן.

ו) אַיינצופירן קאַניקולן אויף אַ צייט פון 4 ביז 6 וואָכן (אַרום ראש=השנה און סוכות) און ניט איבערצורייסן די פּראַקטישע אַרבעט אין פאַרלויף פון די זומער=מאָנאַטן.

ז) צוצופּאַסן דעם טערמין פון אַרויסלאָז און פון די ענדגילטיקע עקזאַמענס צו די לאָקאַלע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און צום לעבנס=שטייגער (פּסח=צייט אָדער סוכות=צייט).

.4

די פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונגס=אינסטיטוציעס פאַר דער יוגנט דאַרפן זיין אין דערזועלביקער צייט אויך וועלטלעכע דערציאונגס=אינסטיטוציעס און דינען אַלס המשך פון דער פאָלקסשול.

.5

די באַראַטונג אנערקענט, אַז עס איז געוואונטשן צו מאַכן אַ פּרוב אין דער ריכטונג פון שאַפן אין עטלעכע ערטער באַוועגלעכע וואַרשטאַטן און פון אָרגאַניזירן די צוזאַמענאַרבעט פון געהילפן מיט די תלמידים לויט אינזש. פרענקעלס פאָרשלאָגן. [ז׳ אונטן, „טעזיסן״].

II. צו דער פראַגע: אָרגאַניזאַציע.

די באַראַטונג אַנערקענט די נויטווענדיקייט פון אַ אָרגאַניזאַציאָנעלן צענטער, וועלכער זאָל צוועקמעסיק און ראַציאָנעל אָנפירן מיט דער גאַנצער אַרבעט אויפן געביט פון יידישער פּראָפעסיאָנעלער בילדונג און זאָל פאַרבינדן און קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון די איינצלנע געזעלשאַפטן אויף דעם געביט.

III. צו דער פראַגע: טעכנישע ליטעראַטור.

די באַראַטונג געפינט איין, אַז דאָס אַרויסגעבן יידישע טעכנישע ליטעראַטור דאַרף ווערן אנערקענט פאַר אַ וויכטיקן און דורכאויס נויטווענדיקן באַשטאַנד=טייל פון דער טעטיקייט אויפן געביט פון פּראָפ.=בילדונג. די באַראַטונג געפינט איין, אַז אין דער ערשטער ריי דאַרפן אַרויסגעגעבן ווערן פּראַקטישע האַנטביכער פאַר בעלי=מלאכות און אַרבעטער, ווי אויך לערנביכער פאַר פּראָפעסיאָנעלע בילדונגס=אַנשטאַלטן.

עס ווערט דער רעדאַקציע פון דעם יידישן טעכנישן פאַרלאַג פאָרגעלייגט צו באַטראַכטן די מעגלעכקייט פון פאַרשפּרייטן טעכנישע קענטענישן דורך שריפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ.

די באַראַטונג האַלט פאַר געוואונטשן די שאַפונג פון אַ ספּעציעלן זשורנאַל און פון ניטפּעריאָדישע זאַמלביכער, וועלכע זאָלן זיך אָפּגעבן מיט אַלע פראַגן פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג אין דעם ברייטן זין פון וואָרט.

IV. צו דער פראַגע: פּאַטראָנאַטן פאַר לערנקינדער ביי האַנטווערקער.

די באַראַטונג געפינט, אַז דאָס סיסטעם פון אָפּגעבן לערנקינדער צו פּריוואַטע בעלי=מלאכות אַנטשפּרעכט בשום אופן ניט די שטרעבונגען און צילן פון דער מאָדערנער פּראָפעסיאָנעלער בילדונג ווי פון טעכניש=פּעדאַגאָגישן אַזוי אויך פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט.

אָבער נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז נאָך ביז היינט קומט פאָר די אויסבילדונג פון יוגנן האַנטווערקער הויפטזעכלעך אין וואַרשטאַטן פון פריוואַטע בעלי־מלאכות און אז — אויף ווי ווייט עס איז מעגלעך פאָראויסצוזעען — וועט אויך אין דער נאָענטסטער צוקונפט אַזוי זיין, געפינט די באַראַטונג, אַז די אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פראָפעסיאָנעלער בילדונג, דאַרפן לייגן דעם גרעסטן אַכט אויף דער גרויסער מאַסע יוגנטלעכע האַנטווערקער און באַמיען זיך צו שאַפן די אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן אויף זיך נעמען צו נאָרמאַליזירן די אויסבילדונג פון די לערנקינדער ווערדליק די טעזיסן פון ערווין כהנס רעפעראַט. [ז׳ אונטן].

די באַראַטונג געפינט פאַר נייטיק, אַז אין נעץ פון די דערגאַנצונגס־קורסן זאָלן אומבאַדינגט איינגעפירט ווערן ספעציעלע אָוונט־קורסן פאַר יוגנטלעכע אַרבעטער, וואו זיי זאָלן קענען באַקומען די עלעמענטאַרע טעכנישע און אַלגעמיינע אויסבילדונג.

V. רעזאָלוציעס פון דער סעקציע פאַר טעאָרעטישע לימודים אין די פאַכשולן.

א. וועגן די פאָדערונגען צו דער אַלגעמיינער פאָלקסשול.

א) די באַראַטונג זאָגט זיך אַרויס פאַר אינדוסטריאַליזירן די פאָלקסשולן אין דעם זין, אַז מען זאָל אין זיי אַריינפירן האַנטאַרבעט און אַזוי אַרום פאַרדעקן דעם תהום צווישן דער פאָלקסשול און דער פראָפעסיאָנעלער בילדונגס־שול. מען דאַרף אָבער די אַרבעט ניט אַוועקשטעלן אין דער פאָלקסשול ווי אַ האַנטווערק, וואָרום ערלערנען אַ פאַך געהערט ניט צו די פאָלקסשולן.

היות ווי עס פעלן די פאַסנדע לערער־קרעפטן דערצו, זאָגט זיך אַרויס די באַראַטונג, אַז מען דאַרף גרינדן אַ לערער־סעמינאַר פאַר אינסטרוקטאָרן אויף האַנטאַרבעט אין די פאָלקסשולן.

ב) אַלס קאָנקרעטע אויפגאַבע אין איצטיקן מאָמענט דאַרפן אָרגאַניזירט ווערן אין אַלע באַדייטנדע פונקן שול־וואַרשטאַטן פאַר די שולקינדער ביי די שולן אָדער צענטראַלע שול־וואַרשטאַטן פאַר גאַנצע גרופן שולן. די וואַרשטאַטן דאַרפן זיין ענג פאַרבונדן מיט די שולן, און דאָס לעבן פון שול און וואַרשטאַט דאַרף צונויפגעגאָסן ווערן. די וואַרשטאַטן דאַרפן דינען הן פאַר דער אַלגעמיינער אויסבילדונג און דערציאונג, הן פאַר דער אַנטוויקלונג פון די אַרבעט־רגילותן ביי דער יוגנט. דידאָקטיקע אַנשטאַלטן דאַרפן זיין אויסשליסלעך פון יענע אַרבעטס־צווייגן, וועלכע גיבן די געלעגנהייט ברענגען צום אויסדרוק דעם אַרבעט־ און שאַפונגס־טריב פון דער יוגנט.

אין די שטעט, וואו צענטראַל־וואַרשטאַטן קענען ניט געשאַפן ווערן, דאַרפן די קינדער פון די עלטערע קלאַסן באַזוכן די עקזיסטירנדיקע פראָפעסיאָנעלע שולן אין געוויסע פרייע שעהן. די פראָפ. שולן מיט זייער איינריכטונג דאַרפן ווי ווייט מעגלעך ווערן געשטעלט אין דער פאַרפיגונג פון די פאָלקסשולן.

ג) די באַראַטונג אַנערקענט, אַז עס איז נייטיק, מען זאָל אונטערנעמען שריט צו שאַפן די וויסנשאַפטלעכע און פראַקטישע אַנשטאַלטן פאַר באַרוף־ און באַגאַבונגס־פאָרשונג און פאַר פראָפעסיאָנעלע ראַטגעבונג.

ב) וועגן די טעאָרעטישע לימודים אין די פאַכשולן.

נעמענדיק אין אַכט די באַגרעניצטע צייט, וואָס ס׳איז דאָ פאַר אַלגעמיינע לימודים אין דער פראָפ. שול און אין לערן־וואַרשטאַט, און די ספעציפישע באַדערפענישן פון האַנטווערק, דאַרף מען דאָס לערנען אין דער פראָפ. שול מעטאָדיש שטעלן אַזוי, אַז דער לימוד זאָל אַנטשפרעכן די פראַקטישע באַדערפענישן פון האַנטווערק.

דער אונטעררי‏כט מוז זיין פּאָפּולער, אָנשוילעך, זייער נאָענט צום לעבן, עקספּערימענ־טאַל אויף ווי ווייט מעגלעך.

די לערער פון די ספּעציעלע געגנשטאַנדן מוזן זיין אויסשליסלעך מענטשן מיט אַ געהעריקער צוגרייטונג.

אַריפמעטיק דאַרף פאַררעכנט ווערן פאַר אַ ספּעציעלן געגנשטאַנד.

די פּלענער פאַר די טעאָרעטישע לימודים דאַרפן ווערן אויסגעאַרבעט דורך ספּעציעלע קאָמיסיעס, און די אויסגעאַרבעטע פּלענער דאַרפן ווערן פאַרעפנטלעכט און פונאַנדערגעשיקט אין אַלע שולן.

VI. רעזאָלוציעס פון דער סעקציע פאַר נאָדל־פאַך.

א) דער נאָדל־פאַך איז איינער פון די פאַרשפּרייטסטע אין יידישן לעבן און מוז אין דער ערשטער ריי אַריינגענומען ווערן אין נעץ פון די פּראָפ. בילדונגס־אַנשטאַלטן. די אַרבעט דאַרף גיין אין צוויי ריכטונגען: פאַר מינדעריעריקע און פאַר דערוואַקסענע. — 1) מ׳דאַרף גרינדן צוגרייטונגס־שולן מיט אַ קורס פון 2 יאָר פאַר קינדער פון 14 יאָר אַלט. (אויב עס איז מעגלעך, אַז די קינדער זאָלן לענגער בלייבן אין וואַרשטאַט און אויב דער וואַרשטאַט איז פאַרזאָרגט מיט באַשטעלונגס־אַרבעט, ווערט דער קורס פאַר מענער־ און דאַמען־שניידעריי פאַרלענגערט ביז 3 יאָר); 2) פאַר די יעניקע, וועלכע האָבן אַ 5־יאָריקע אַרבעטס־פּראַקטיק, דאַרף מען עפענען בייטאָגיקע לערן־מוסטער־וואַרשטאַטן מיט אַ קורס פון 1—2 סעמעסטרען; 3) פאַר קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וועלכע נייטיקן זיך הויפּטזעכלעך אין מעטאָדישע צושניידן, דאַרף מען עפענען צושניידער־קורסן אויף 3—6 מאָנאַטן ביי אַ לערנצייט פון 6—8 שעה אין וואָך.

ב) די פּראָפעסיאָנעלע שול דאַרף טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ ריין־פּראַקטישן לערן־וואַרשטאַט.

ג) פּרינציפּיעל דאַרף ניט דערלאָזן ווערן די צעטיילונג פון לערן־וואַרשטאַט אויף קלאַסן. די יינגערע דאַרפן נאָכן דורכגיין אין משך פון 5—6 חדשים דאָס אָנפאַנגס־פּראָגראַם אַרבעטן צוזאַמען מיט די עלטערע. פון צייט צו צייט דאַרף מען איינלאַדן עקספּערטן אויף אָפּצושאַצן די קוואַליטעט פון דער אַרבעט. עס דאַרפן ווי ווייט מעגלעך איינגעאָרדנט ווערן אויסשטעלונגען פון דער געשאַפענער אַרבעט.

ד) אין שול דאַרף מען לייגן די גרעסטע אַכט אויף צו אַנטוויקלען די אינטענסיווקייט און דעם אינטערעס צו דער אַרבעט. דאָס בעסטע מיטל דערצו איז, אַז די לערנאַרבעט זאָל דורכגעפירט ווערן דורך באַשטעלונגען, פאַר וועלכע די שול דאַרף זאָרגן מיט אַלע מעגלעכקייטן.

ה) אין שול דאַרף איינגעפירט ווערן אַ שכר־לימוד, די שילער קענען בשום אופן ניט באַקומען קיין שום באַלוינונג פאַר דער אַרבעט (וועגן שטיצע די הילפס־באַדערפטיקע זע Yll, ט).

ו) די פּראַקטישע אַרבעט אין לערן־וואַרשטאַט דאַרף דויערן ניט וועניקער ווי 6 שעה אַ טאָג, אָדער 7 שעה, אויב עס זיינען ניטאָ קיין אָוונט־לימודים. צייכענען איז אַ אומבאַדינגטער געגנשטאַנד און גייט ניט אַריין אין די שעהן פון די פּראַקטישע לימודים, נאָר ווערט אַריבערגעטראָגן אין די שעהן נאָך די פאַך־לימודים. צייכענען דאַרף זיין צוגעפּאַסט צום פאַך און דאַרף ווערן געלערנט ניט וועניקער ווי 2 שעה אין וואָך. — אויב די אָנגעקומענע תּלמידים האָבן ניט קיין גענוגנדיקע צוגרייטונג פון אַ פאָלקסשול, דאַרף מען ביים לערן־וואַרשטאַט גרינדן אַ אָוונטשול מיט 10—12 שעה אַלגעמיינע לימודים, וועלכע דאַרפן טראָגן אַ פּראַקטישן כאַראַקטער און זיין נאָענט צום לעבן.

ז) מעטאָדישע סיסטעמאַטישע צושניידן דאַרף מען לערנען צום לעצטן יאָר, מאָדעלירן דאַרף מען איינפירן פון 2־טן סעמעסטער.

ח) עס איז ווינטשנסווערט, אַז גימנאַסטיק זאָל ווערן אײַנגעפירט אין שול אָבליגאַטאָריש, אָבער ניט אויפן חשבון פון דער פּראַקטישער אַרבעט.

ט) מען דאַרף שטרעבן דערצו, אַז די לערן־וואַרשטאַטן פאַרן נאָדל־פאַך זאָלן אַליין דעקן אין אַ גרויסער מאָס זייערע הוצאות.

י) די צאָל תּלמידים אויף איין אינסטרוקטאָר דאַרף באַטרעפן דורכשניטלעך 15. ביים אײַנלאַדן אינסטרוקטאָרן דאַרף מען זיך רעכענען בלויז מיט זייער קוואַליפיקאַציע און צוגעגרייטקייט. צו דער ראָלע פון אַ לערער אויף זייער פאַך.

VII. רעזאָלוציעס פון דער סעקציע פאַר האָלץ־ און מעטאַל־באַאַרבעטונג.

א) דער צוועק פון די וואַרשטאַטן צו באַאַרבעטן האָלץ און מעטאַל באַשטייט אין צוגרייטן געלערנטע אַרבעטער און געהילף־מייסטערס אין קוואַליפיצירטע פאַכן סיי פאַר דער האַנטווערקעריי, סיי פאַרן פאַבריק.

ב) אַזוי ווי די וואַרשטאַטן און שולן דאַרפן זיין אימשטאַנד אויסצואַרבעטן געגנשטאַנדן פון הויכער קוואַליטעט, ווי אויך זיין טעכנישע מוסטער־וואַרשטאַטן, וועלכע זאָלן העלפן הייבן דעם צושטאַנד פון דער מלאכה אויך ביי די פּריוואַטע האַנטווערקער, מוזן די וואַרשטאַטן ביי די האַנטווערקער־שולן זיין באַזאָרגט מיט אַ געהעריקער צאָל נייסטע מאַשינען און געצייג פון פאַרשיידענעם אַרט.

ג) דאָס לערנען פון דער אַרבעט דאַרף פון ערשטן מאָמענט באַשטיין אין אויסאַרבעטן געגנשטאַנדן, וואָס האָבן אַ פּראַקטישן ווערט און קענען פאַרקויפט ווערן. דערביי דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט ניט נאָר דעם רעגלמעסיקן איבערגאַנג פון לייכטע צו קאָמפּליצירטע אַרבעטן, נאָר אויך די פּסיכישע באַזונדערהייט פון די תּלמידים, וועלכע פאַרלירן דעם אינטערעס צו דער אַרבעט, אויב זיי פאַרברענגען אַ לאַנגע צייט אויף איינאַרטיקע טייל־אָפּעראַציעס.

אין די אויסאַרבעטונגען דאַרף געלייגט ווערן אַכט פריער פאַר אַלץ אויף קוואַליטעט, נאָכדעם אויף אינטענסיווקייט און עקאָנאָמישן פאַרברויך פון מאַטעריאַלן, כּדי ווי ווייט מעגלעך צו דערנענטערן די אַרבעט אין שול צו דער אַרבעט אין פּריוואַטן וואַרשטאַט.

ד) באַשטעלונגען זיינען געוואונטשן, אָבער נאָר אַזעלכע, וועלכע זיינען צוגעפּאַסט פאַר דער שול.

באַשטעלונגען, וועלכע קענען שטערן דער סיסטעמאַטישקייט פון דער לערע, ווי אויך באַשטעלונגען פאַר מאַסן־פּראָדוקציע דאַרפן לחלוטין ניט צוגעלאָזן ווערן.

ביים אָננעמען אַ באַשטעלונג דאַרף דעם טערמין באַשטימען די שול, אָבער ניט דער באַשטעלער.

ה) כּדי די וואַרשטאַטן זאָלן קענען דורכפירן די לערע אין וואַרשטאַט און ניט זיין אָפּהענגיק פון באַשטעלונגען, מוז געשאַפן ווערן ביי דער געזעלשאַפט „אָרט" אַ פאַרקויף־צענטראַלע פאַר אַלע האַנטווערקער־שולן, וועלכע זאָל זאָרגן פאַרן פאַרקויף פון די אויסגעאַרבעטע געגנשטאַנדן, זאָל געבן אָנווייזונגען וועגן די נייטיקע פאַרן מאַרק און צוגעפּאַסטע פאַר די שולן אויסאַרבעטונגען און זאָל דערלייכטערן די פינאַנס־פראַגן מיט אַרויסגעבן אַוואַנסן אָדער אומזאַץ־קאַפּיטאַל.

ו) כּדי די שילער, וועלכע ענדיקן די שול, זאָלן זיין מער צוגעפּאַסט צום לעבן, מוז מען זיי אין לעצטן האַלבן יאָר ענגער ספּעציאַליזירן לויט זייערע פעאיקייטן. דערמיט מוזן אָנפירן אינסטרוקטאָרן־ספּעציאַליסטן.

ז) נעמענדיק אין באַטראַכט, דאָס די פּאַכן פון האָלץ־ און מעטאַל־באַאַרבעטונג זיינען זייער פאַרצווייגט און קאָמפּליצירט, געפינט די סעקציע, אַז ביי אינטענסיווער אַרבעט דאַרף דער קורס אין אַ ספּעציעלער שול דויערן ניט וויניקער ווי 3 יאָר פאַר יעדן פאַך.

ח) איין אינסטרוקטאָר דאַרף זיין באַשעפטיקט ניט מער ווי מיט 20 שילער. געהילף־אינסטרוקטאָרן (געזעלן), וועלכע זאָלן אַרבעטן צוזאַמען מיט די שילער, קאָנען ברענגען גע־וואונטשענע רעזולטאַטן, דהיינו: בעסערע אויסנוצונג פון דער צייט, וואָס די שילער פאַר־ברענגען אין וואַרשטאַט; אַ מעגלעכקייט דורכצופירן מער קאָמפּליצירטע אַרבעטן און אַנד. אין דערזעלבער צייט וועט דאָס ברענגען נוצן די געהילף־אינסטרוקטאָרן צו פאַרפולקומען זיך אין זייער אַרבעט.

ט) די שילער קענען בשום אופן ניט באַקומען קיין שום געלט פאַר דער אַרבעט.

שטיצע די הילפס־באַדערפטיקע תלמידים ווערט געגעבן דורך ספּעציעלע הילפקאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס אונטערן קאָנטראָל פון דער שול.

י) די פרייזן פון די אויסאַרבעטונגען דאַרפן זיין ניט נידעריקער ווי אין די פּריוואַטע וואַרשטאַטן. די אויסאַרבעטונגען דאַרפן קאָנקורירן מיטן מאַרק אין קוואַליטעט און געשמאַק, אָבער ניט אין פרייז.

יא) היות ווי עס איז זייער וויכטיק פון פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט, אַז די עלטערן זאָלן האָבן אַ געוויסע התחייבות קעגן דער שול, מוז אין יעדער פּראָפעסיאָנעלער שול זיין איינ־געפירט אַזאַ שכר־לימוד, וועלכער זאָל ניט באַשווערן די עלטערן פון די תלמידים.

VIII. רעזאָלוציעס פון דער קאָמיסיע וועגן אויסבילדונג פון אינסטרוקטאָרן.

כדי אויסצובילדן פּאַסנדיקע אינסטרוקטאָרן פאַר די האַנטווערקער־שולן און לערן־וואַר־שטאַטן, מוזן אין די גרעסערע פונקטן ווי וואַרשע, לעמבערג, ווילנע און ביאַליסטאָק איינ־געאָרדנט ווערן 1־יאָריקע קורסן מיט פאָלגנדיקן לערנפּלאַן:

א) אַלגעמיינע טעכנישע לימודים (דאָס קאָן דינען גלייכצייטיק ווי דערגאַנצונגס־קורסן פאַר אַרבעטער און האַנטווערקער).

ב) אַלגעמיינע פּעדאַגאָגישע און מעטאָדאָלאָגישע אָנווייזונגען.

ג) ספּעציעלע פאַכקענטענישן.

די קורסאַנטן דאַרפן דורכמאַכן די נייטיקע פּראַקטישע אַרבעט אַלס פּראָבע־אינסטרוק־טאָרן אין די פאַכשולן און לערן־וואַרשטאַטן פון דער באַטרעפנדיקער שטאָט.

אויף די קורסן דאַרפן אויפגענומען ווערן אינסטרוקטאָרן און געהילפן, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט דעם פאַך, ווי אויך די מער פעאיקע קוואַליפיצירטע אַרבעטער און האַנטווערקער, וועלכע ווייזן אַרויס אַ נייגונג צו אינסטרוקטאָריי.

צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם פּלאַן דאַרפן צוגעצויגן ווערן די אָרטיקע פּאַסנדיקע קרעפטן און אין פאַל פון נויטווענדיקייט מוזן איינגעלאַדן ווערן לערן־קרעפטן פון אויסלאַנד אָדער פון גרעסערע פונקטן.

טעזיסן צו ל. פרענקעלס רעפעראט: „וואס פאר טיפּן פּראפעסיאָנעלע בילדונגס־אנשטאלטן דארף מען איצט בויען?"

.1

די לעצטע צען יאָר פאַר דעם קריג זיינען די הויפּט־פאַכן פון דעם יידישן האַנטווערק (שניידעריי, שוסטעריי, סטאָלעריי) געווען איבערפולט, טעכניש איז די יידישע מלאכה געווען אָפּגעשטאַנען, די יידישע האַנטווערקער האָבן געלעבט אין דחקות, אַזוי אַרום איז דאָס האַנטווערק געוואָרן ניט פּאָפּולער ביי יידן, און אין פאַרבינדונג דערמיט האָט די אָרגאַניזאַציע און די אָנפירונג פון דער יידישער פּראָפ. בילדונג אין דער צייט פון קריג געהאַט פאָלגנדיקע אויפגאַבן: ניט צו פאַרגרעסערן די צאָל יידישע האַנטווערקער, נאָר פאַרפולקומען די דערוואַקסענע בעל־מלאכות פון איין זייט, און פון דער אַנדער זייט צוגרייטן אַרבעטער פאַר דער פאַבריק־אינדוסטריע. בהסכם דערמיט זיינען מער פאַר אַלץ געווען פאַרשפּרייט האַנטווערקער־שולן און פאַרשיידענע אַנשטאַלטן פון אויסערשול־בילדונג, אינסטרוקטאָר־קורסן, ספּעציעלע קורסן און מוסטער־וואַרשטאַטן.

לויט די ידיעות, וועלכע קומען איצט אָן פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין אונזער קאַנט, ווייזט זיך אַרויס פאָלגנדיקס: א) די צאָל יידישע האַנטווערקער און אַרבעטער איז מחמת מלחמה, היימלאָזיקייט און אַנד. סבות שטאַרק געפאַלן; ב) דער יידישער האַנטווערקער אין די הויפּט־פאַכן זיינע האָט זיך אַרויסגעוויזן עקאָנאָמיש פעסטער איידער אַ סך אַנדערע פּרנסות, די האַנטווערקער לעבן בערך בעסער ווי אַנדערע שיכטן פון די פאָלקס־מאַסן; ג) פאַר די לעצטע יאָרן איז זייער געפאַלן די צאָל לערניינגלעך אין די פּריוואַטע האַנטווערקערישע וואַרשטאַטן, וועלכע פלעגן אַרויסגעבן פון זיך די גרעסטע צאָל נייע האַנטווערקער.

וויבאַלד עס האָט זיך געביטן צום בעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע האַנטווערקער לכל־הפּחות אין די פאַרשפּרייטסטע פאַכן, האָט זיך ביי די יידישע מאַסן איינגעשטעלט אַ נייער קוק אויף האַנטווערק אין אַלגעמיינעם און ספּעציעל אויף אַזוינע מלאָכות, ווי שניידעריי, שוסטעריי, סטאָלעריי און דאָסגל. סיי אין די גרעסערע, סיי אין קלענערע פּונקטן מערקט זיך איצט אַ שטרעבונג זיך אויסצולערנען אַ וועלכע ניט איז מלאכה, און פון אומעטום קומען אָן פאָדערונגען וועגן עפענען אַנשטאַלטן פאַר פּראָפעסיאָנעלע בילדונג.

נעמענדיק אין באַטראַכט דעם איצטיקן מצב פון יידישן האַנטווערק, די פאַרקלענערונג פון דער צאָל לערניינגלעך און די נייע, פּאָזיטיווע באַציאונג צום האַנטווערק מצד די יידישע מאַסן, דאַרף מען אנערקענען, אַז אויף דעם געביט פון פּראָפעסיאָנעלע בילדונג זיינען איצט אונזערע אויפגאַבן פאָלגנדיקע:

א) די ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דעם איצטיקן מאָמענט איז — אַ ברייטע און ענערגישע אַרבעט פון אָרגאַניזירן אַנשטאַלטן פאַר פּראָפ. בילדונג, וועלכע זיינען אימשטאַנד אין אַ קורצן טערמין צוצוגרייטן יונגע האַנטווערקער־געהילפן אין פאַרשיידענע פאַכן, וואָס זיינען פאַרשפּרייט צווישן יידן און זיינען ניט זייער קאָמפּליצירט און קוואַליפיצירט, ווי

למשל שוסטעריי, שטעפעריי, רימעריי און טשעמאָדאַן־אַרבעט, שניידעריי, וועש־נייטעריי, קיר־זשנעריי (היטל־מאַכעריי), סטאָלעריי, שמידעריי, בלעכעריי און אַנד.

ב) די צוגרייטונג פון געלערנטע אַרבעטער פאַר דער פאַבריק־אינדוסטריע און פאַר הויך־קוואַליפיצירטע פאַכן, ווי, למשל, מעכאַנישע שלאָסעריי, מאַשינען־בוי, עלעקטראָטעכניק, אַוטאָ־מאָביל־פאַך, טעקסטיל־אינדוסטריע, קונסט־פאַכן (דעקאָראַטיווע מאַלעריי, ליטאָגראַפיע, גראַווי־רעריי, קעראַמיק און אַנד).

ג) די הייבונג פון דעם אַלגעמיינעם און פון טעכנישן צושטאַנד פון יידישן האַנטווערק און פאַבריקאַציע דורך אָרגאַניזירן ספּעציעלע אַנשטאַלטן פאַר פּראָפעסיאָנעלע טעכנישע אויסער־שול־בילדונג פאַר דערוואַקסענע אַרבעטער און האַנטווערקער איז אַ ווייטערדיקע וויכטיקע אויפגאַבע, אָבער היות ווי אין דעם איצטיקן מאָמענט לאָזט זיך דאָס שווער אָרגאַניזירן, דאַרף מען אַזוינע אַנשטאַלטן גרינדן מיט דער געהעריקער פאָרזיכטיקייט און בלויז דעמאָלט, ווען עס זיינען פאַראַן דערויף די נייטיקע מאַטעריעלע און טעכנישע באַדינגונגען.

2.

די הויפּט־טיפּן פון אַנשטאַלטן פאַר פּראָפ. בילדונג, וועלכע זיינען צוגעפּאַסט צו די אָקאָרשט אויסגערעכנטע אויפגאַבן און צו די באַדינגונגען פון איצטיקן לעבן, זיינען פאָלגנדיקע:

א. לערן־וואַרשטאַטן פאַר יינגלעך און מיידלעך. די לערן־וואַרשטאַטן דאַרפן אַרויסלאָזן תלמידים, וועלכע זיינען באַהאַוונט אין די הויפּט־אַרבעטן פון דעם באַטרעפנדן פאַך און קענען זיי אויספירן. די לערנצייט דאַרף באַטרעפן 2 יאָר (ביי גאָר קאָמפּליצירטע מלאכות—$2\frac{1}{2}$ יאָר). אין וואָך דאַרף מען 40 שעה אַרבעטן אין וואַרשטאַט (דערין ווערן אַריינגערעכנט אויך די גראַפישע לימודים), און 10 שעה אין די אָוונטן אָפּגעבן אויף יידישע און אַלגעמיינע לימודים, בערך לויט דעם פאָלגנדיקן לערנפּלאַן (זע טאַבעלע).

לערנפּלאַן פאַר לערן־וואַרשטאַטן.

	1־טער יאָר	2־טער יאָר
	צאָל שעהן אין האָך	
פּראַקטישע אַרבעט אין וואַרשטאַט — —	35	35
גראַפישע לימודים (פרייהאַנט־צייכענען, צייכענען) — — — — — — — —	5	5
אָוונט־לימודים:		
יידיש) פּויליש) — — — — — — — — — —	4	4
אַריטמעטיק און פּראַקטישע געאָמעטריע —	3	3
פיזיק — — — — — — — — — — — —	2	2
טעכנאָלאָגיע און מאַטעריאַל־קענטשאַפט —	1	1
	50	50

ב. צוגרייטונגס־שולן פאַר האַנטווערקער, וועלכע דאַרפן באַקענען די תלמידים בלויז מיט די אָנפאַנג אַרבעטן אין די מינדער־קאָמפּליצירטע פאַכן. אַזוינע שולן קענען פאַרבייטן די ערשטע צייט פון לערנען זיך אין פּריוואַטע וואַרשטאַטן, און די לערנצייט דאַרף באַטרעפן ניט מער ווי 1 יאָר. דער פּראַקטישער אַרבעט אין די וואַרשטאַטן דאַרף מען ווידמען $6\frac{1}{2}$ שעה טעגלעך, און אין אָוונט־צייט דאַרף מען 10 שעה אין וואָך לערנען יידישע און אַלגעמיינע למודים, בערך לויט אַזאַ לערנפּלאַן: אַרבעט אין די וואַרשטאַטן 38 שעה אין וואָך; למודים אין אָוונט: יידיש און פּויליש — 4 שעה, אַריטמעטיק און פּראַקט. געאָמעטריע—3, פיזיק—1, צייכענען אָדער פרייהאַנט־צייכענען—2. אַזוינע צוגרייטונגס־שולן לאָזן זיך איינאָרדענען פאַר איינפאַכע מלאכות, ווי מענער־שניידעריי, דאַמען־שניידעריי, קירזשנעריי, שוסטעריי, בלעכעריי, סטאָלעריי און אַנד.

ג. טעכנישע שולן און ספּעציעלע שולן אויף אַלערהאַנט ספּעציעלע פאַכן. די שולן דאַרפן אַרויסלאָזן געלערנטע און קוואַליפיצירטע אַרבעטער סיי פאַר דער פאַבריק־

אינדוסטריע סיי פאַר אַזוינע פאַכן, וועלכע פאָדערן אַ הויכע קוואַליפיקאַציע אָדער אַ גרויסע קונסט=אויסבילדונג. די לערנצייט דאַרף באַטרעפן 3 יאָר. די תּלמידים פאַרברענגען אין דער שול טעגלעך 8 שעה. די אַרבעט אין די וואַרשטאַטן און די טעאָרעטישע און גראַפישע למודים דאַרף מען פאַרטיילן בערך אַזוי, ווי עס איז אָנגעוויזן אין דער טאַבעלע. די למודים איז געוואונטשן איינצוטיילן אַזוי, אַז אין 2=טן קלאַס זאָל מען 1 טאָג אַ וואָך און אין 3=טן קלאַס 2 טעג אַ וואָך כּסדר צו גאַנצע 8 שעה אַרבעטן פּראַקטיש אין וואַרשטאַט. די פּראָגראַמען און דער לערנפּלאַן פון די שולן מוזן זיין שטרענג צוגעפּאַסט צו דעם ספּעציעלן פאַך פון דער שול.

צאָל שעהן אין וואָך			
לערניאָר:	1=טער	2=טער	3=טער
אַרבעט אין די וואַרשטאַטן — —	23	28	28
לימודים טעאָרעט. און גראַפישע—	23	18	18
	46	46	46

ד. **אינסטרוקטאָר=קורסן און ספּעציעלע אָוונט=קורסן** אויף איינצלנע פאַכן פאַר געהילף=מייסטערעס און מייסטערעס, וועלכע האָבן אַ געהעריקע פּראַקטישע דערפאַרונג אין זייער פאַך און אַרבעטן אין פאַבריקן אָדער וואַרשטאַטן. די קורסן דאַרפן געבן די צוהערער די נייטיקע טעכנישע און טעאָרעטישע דערגאַנצונגס=ידיעות און באַקענען זיי מיט צייכענען, קאַלקולאַציע, ווי אויך מיט די פאַרשיידענע נייסן אין זייער פאַך. די קורסן דאַרפן דויערן 1—2 יאָר, די לימודים דאַרף מען איינטיילן בערך אַזוי, ווי עס איז אָנגעוויזן אין דער טאַבעלע.

צאָל שעהן אין וואָך		
לערניאָר:	1=טער	2=טער
גראַפישע לימודים— — — — — — — —	5	6
טעכנאָלאָגיע און מאַטעריאַל=קענטשאַפט	2	2
אַריפמעטיק און פּראַקט. געאָמעטריע— —	1	—
קאַלקולאַציע און בוכפירונג — — — —	1	1
	9	9

ה. **קונסט= און צייכן=קלאַסן** פאַר אַרבעטער און האַנטווערקער, וועלכע דינען באַשעפטיקט אין פאַכן, וואו קונסט= און גראַפישע אויסבילדונג שפילן אַ באַזונדער ראָלע. אין די קלאַסן ווערט געלערנט אין אָוונט, פון 3 ביז 5 מאָל אַ וואָך און צו 2—$2^1/_2$ שעה. די לימודים (פרייהאַנט=צייכענען, צייכענען, סטילן=קענטשאַפט און אַנד.) מוזן זיין שטרענג צוגעפּאַסט צו דעם ספּעציעלן פאַך פון די צוהערער; אַחוץ אין דער ערשטער (אַלגעמיינער) צוגרייטונגס=גרופּע מוז מען די לימודים פירן אויף ווי ווייט מעגלעך פּראַקטיש. לויט די ספּעציעלע פאַכן דאַרף מען די צוהערער איינטיילן אין פאָלגנדיקע דריי הויפּט=גרופּעס: 1) פאַכן, וואו די הויפּט=ראָלע שפילט צייכענען (טעכנישע, פּראָיעקטיר= אָדער אַרכיטעקטור=צייכענען), ווי, למשל, מעכאַנישע שלאָסעריי, טאָקעריי, בלעכעריי, בוי=אַרבעט; 2) פאַכן, וואו די הויפּט=ראָלע שפּילט פרייהאַנט=צייכענען, ווי מאַלעריי, שילדן=מאָלעריי, ליטאָגראַפיע; 3) פאַכן, וואו די הויפּט=ראָלע שפּילט די אַנטוויקלונג פון קינסטלערישן געשמאַק, ווי מענער= און דאַמען=שניידעריי, היט=פוצעריי און אַנד.

פון די אַלע אויסגערעכנטע אַנשטאַלטן פאַר פּראָפ. בילדונג דאַרף מען בהסכם מיט די פּראַקטישע פאָדערונגען פון איצטיקן מאָמענט אָרגאַניזירן פריער פאַר אַלץ און **דער עיקר**— **צוגרייטונגס=שולן** (פּונקט ב.), **לערן=וואַרשטאַטן** (פּונקט א.) און **אָוונט=קורסן פאַר צייכענען** (פּונקט ה.). וואָס אָנבאַלאַנגט טעכנישע און ספּעציעלע שולן, ווי אויך אינסטרוקטאָר=קורסן, דאַרף מען זיי עפענען בלויז אין די גרויסע שטעט און ערשט דעמאָלט, אויב עס

זיינען פאַראַן דערויף די נייטיקע מאַטעריעלע און טעכנישע מיטלען און אַ דערפאַרענער פערסאָנאַל, וועלכער שטייט אויף דער געהעריקער טעכנישער הייך.

.3

נעמענדיק אין באַטראַכט די איצטיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען און דעם לעבנסשטייגער, מוז מען די אַנשטאַלטן פאַר פראָפ. בילדונג אַוועקשטעלן אַזוי, אַז די לערנצייט זאָל זיין פאַרקירצט אין פאַרגלייך מיט דער צייט פאַרן קריג. דעמאָלט האָט די לערנצייט אין די האַנטווערקער־שולן באַטראָפן נאָרמאַל 4 יאָר, און איצט מוז מען די לערנצייט פאַרקירצן ביז 2 יאָר, העכסטנס ביז 3 יאָר.

כדי אויסצוגלייכן דעם אָ נ ו ו ע ר אין דער לערנצייט דאַרף מען אָננעמען פאָלגנדיקע מיטלען:

1) ניט אויפצונעמען קיין קינדער יינגער פאַר 14 יאָר;

2) אויפצונעמען אויסשליסלעך אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן יידיש און קענען די 4 אַריטמעטישע אַקטן.

3) אויפצונעמען אויסשליסלעך פולקום געזונטע קינדער, וועלכע זיינען פיזיש פעאיק צו דער אַרבעט; ביים אויפנאַם דאַרף מען מאַכן אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג פון די קאַנדידאַטן דורך אַ קאָמיסיע, וועלכע באַשטייט פון דאָקטוירים און האַנטווערקער־פאַכמענער;

4) דער ערשטער חודש נאָכן אויפנאַם גילט פאַר אַ פּראָבע־צייט, און ווער עס ווייזט זיך אַרויס פאַר ניט פעאיק צו דער אַרבעט, מוז פאַרלאָזן דעם וואַרשטאַט;

5) דורכצופירן אַ געהעריקע אינטענסיפיקאַציע פון אַלע לימודים און פון דער גאַנצער אַרבעט אין די וואַרשטאַטן און קלאַסן;

6) איינצופירן קאַניקולן אויף 1 חודש אַרום ראש־השנה און סוכות, און דעם גאַנצן זומער אַרבעטן כסדר אין די וואַרשטאַטן צו 8 שעה אַ טאָג;

7) דער אַרויסלאָז און די ענדגילטיקע עקזאַמענס זאָלן פאָרקומען ענדע זומער, פאַר ראש־השנה.

.4

כדי אינטענסיווער צו פירן די אַרבעט און כדי אַרויסצובאַקומען די גרעסטע פאַקטישע פעולה פון די לימודים, כדי איינצופלאַנצן ביי די תלמידים די געוווינהייט צו אַרבעטן מיט דער געהעריקער גיכקייט, ווי אויך כדי צו באַקענען זיי מיט דערווירקלעכער פּראָדוקציע אין פּראַקטישן לעבן, איז געוואונטשן צו אָרגאַניזירן אין די וואַרשטאַטן ביי די לערן־אַנשטאַלטן אַ פּראָדוקציע מיטן אָנטייל פון געהילף־מייסטערס אויף פאָלגנדיקע יסודות: אין די וואַרשטאַטן, דערהויפּט וואו מען לערנט די מער קאָמפּליצירטע פאַכן (מעכאַנישע שלאָסעריי, עלעקטראָטעכניק, קונסט־מעבל און דאָסגל.) דאַרפן צוזאַמען מיט די תלמידים אַרבעטן געניטע געהילף־מייסטערס (בערך איין געהילף־מייסטער אויף 6—10 תלמידים). עס דאַרף ווערן אָרגאַניזירט אויף מאָדערנע טעכנישע יסודות אַ פּראָדוקציע פון געוויסע אויסאַרבעטונגען, וועלכע געהערן צו דעם פאַך, און צו דערדאָזיקער פּראָדוקציע דאַרף מען אויף ווי ווייט עס לאָזט זיך צוציען די תלמידים פון די יינגערע קלאַסן. דידאָזיקע פּראָדוקציע צוזאַמען מיט דער אויספירונג פון נוצלעכע און אינטערעסאַנטע באַשטעלונגען דאַרף בילדן דעם פונדאַמענט, וואָס אויף אים בויט זיך די גאַנצע פּראַקטישע פאַך־אויסבילדונג. דאָס הייסט, די אַרבעט אין וואַרשטאַט ווערט געבויט אויף קאָמבינירן באַשטעלטע אַרבעט מיט אייגענער פּראָדוקציע פון געוויסע אויסאַרבעטונגען, אין וועלכער די תלמידים באַטייליקן זיך גלייכצייטיק מיט די געהילף־מייסטערס, און עס ווערט אָפּגעגעבן גאָר ווייניק אָרט פאַר פּראָגראַם־אַרבעט. אַזאַ פירונג פאָדערט אַ געהעריקן אומזאַץ־קאַפּיטאַל, אַ גוטע איינאָרדענונג פון די וואַרשטאַטן און פאַסיקע טעכנישע אָנפירער

און לייטער. דאָס מוז מען האָבן אין זינען, און מען דאַרף זיך שטעלן אויף אַזאַ וועג העכסט
פּראַקטיק און ערשט דעמאָלט, אויב די אַלע באַדינגונגען זיינען פאַרווירקלעכט. די געהילף=
מייסטערס, וועלכע מען ציט צו צו דער אַרבעט אין אַזוינע וואַרשטאַטן, דאַרף מען געבן
אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרפולקומען אין זייער פאַך.

.5

כּדי ווי געהעריק אַוועקצושטעלן די לימודים און כּדי צו דערגרייכן אַ וואָס גרעסערע
ספּעציאַליזאַציע ביים דערלערנען דעם פאַך, ווי אויך כּדי צו שפּאָרן כּוחות און געלט=מיטלען,
דאַרף מען ביים אָרגאַניזירן די אַנשטאַלטן פאַר פּראָפעסיאָנעלע בילדונג זיך נוהג זיין אַזוי:
א) ביי יעדער אַנשטאַלט דאַרף מען עפענען אָפּטיילונגען אויף פאַכן, וועלכע האָבן אַ געוויסע
קרובהשאַפט צווישן זיך. די פאַכן קענען, למשל, גרופּירט ווערן אַזוי: 1) מעכאַנישע שלאָסעריי,
מעטאַל=טאָקעריי, שמידעריי, בלעכעריי און דאָס גלייכן פאַכן, וועלכע האָבן אַלע אַ שייכות צו
טעכנישער און מעכאַנישער באַאַרבעטונג פון מעטאַלן. 2) דעקאָראַטיווע מאַלעריי, שילדן=מאַ=
לעריי, ליטאָגראַפיע, גראַוויר=אַרבעט, האָלץ=שניצעריי, קונסט=האַפטעריי און אַנדערע פאַכן, אין
וועלכע ס'שפּילט אַ גרויסע ראָלע דער קונסט=עלעמענט. 3) דאַמען=שניידעריי, וועש=נייטעריי,
מענער=שניידעריי, היטל=מאַכעריי, קאָרסעט=אַרבעט און אַנדערע, וועלכע געהערן צום נאָדל=
פאַך. ב) אין איין אַנשטאַלט דאַרף מען פאַראייניקן די פּראָפ. בילדונג פון קינדער מיט דער
אויסערשול=בילדונג פון דערוואַקסענע אַרבעטער און האַנטווערקער, וועלכע אַרבעטן אין דעמ=
זעלביקן פאַך. ד. ה., אָוונט=קורסן און ד. גל. דאַרף מען אָרגאַניזירן ביי די לערן=וואַרשטאַטן
און ביי די שולן פון דעמזעלביקן פאַך.

.6

נעמענדיק אין באַטראַכט די איצטיקע גרויסע שטרעבונג צו פּראָפעסיאָנעלער בילדונג
ביי דער שטעטלשער יידישער באַפעלקערונג און די גרויסע שוועריקייטן פאַר אַ שטעטלשן יידן
צו שיקן זיין קינד אין אַ גרעסערע שטאָט, וואו עס זיינען פאַראַן אַנשטאַלטן פאַר פּראָפעסי=
אָנעלע בילדונג, מוז מען זיך ענערגיש נעמען בויען אַנשטאַלטן פאַר פּראָפעסיאָנעלע בילדונג
אויך אין דער קלענערער פּראָווינץ. פאַר יעדער ראַיאָן דאַרף מען שאַפן אַ נעץ אַנשטאַלטן,
לויט אַ פּלאַן, וואָס די צענטראַלע דאַרף אַפריער אויסאַרבעטן בהסכם מיט די פאַראינטערעסירטע
אָרטיקע קרייזן. אַזוי ווי אין אַ שטעטל איז אוממעגלעך צו עפענען אַנשטאַלטן פאַר פּראָפעסיאָנעלע
בילדונג אויף גאָר פאַרשיידענע פאַכן, דאַרפן די אַנשטאַלטן, וואָס וועלן געהערן צום געפלאַ=
נעוועטן נעץ, זיין ב אַ ו ו ע ג ל ע כ ע. דאָס קאָן מען איינאָרדענען אויף פאָלגנדיקן אופן: אין געוויסע,
אין פאָראויס=אָנגעצייכנטע גרעסערע פּונקטן פון ראַיאָן עפנט מען צו איין לערן=וואַרשטאַט
אין יעדער פּונקט, אויף אַזוינע פאַכן, וועלכע נייטיקן זיך ניט אין קיין גרויסער איינאָרדענונג,
ווי למשל: שניידעריי פאַר מענער און דאַמען, שמידעריי און בלעכעריי, שוסטעריי און שטע=
פעריי און ד. גל. דער קורס אין אַזאַ לערן=וואַרשטאַט דויערט 2 יאָר. אַן אויפנאַם ווערט
געמאַכט בלויז ביים עפענען דעם לערן=וואַרשטאַט. ווען עס גייען פאַרביי 2 יאָר און עס קומט=
פאָר דער אַרויסלאָז, פאָרן אַריבער די לערן=וואַרשטאַטן מיטן גאַנצן לערער=פּערסאָנאַל און
מיטן אינווענטאַר אין אַ נייעם אָרט. אַזוי אַרום וועט אויך אין דער קלענערער פּראָווינץ גע=
שאַפן ווערן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצובילדן אין פאַרשיידענע פאַכן פון מלאכה. ביים אָרגאַניזירן
דידאַקטיקע פּראָווינציעלע לערן=וואַרשטאַטן דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז פאַר אינסטרוקטאָרן
זאָל מען באַשטימען ניט אַנדערש, ווי פּערזאָנען, וועלכע האָבן שוין געאַרבעט אויפן געביט
פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג און האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר טיכטיקע אינסטרוקטאָרן.

טעזיסן צו ערווין כּהנס רעפֿעראַט:
„די השגחה איבער לערנייִנגלעך“.

1) די השגחה איז חל אויף אַלע לערנייִנגלעך און יוגנטלעכע אַרבעטער אָן שום חילוק פֿון דער פּראָפֿעסיע.

2) די השגחה איז קודם־כּל אַ פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט. אַלע אַנדערע אויפֿגאַבן אירע דאַרפֿן באַטראַכט ווערן ווי אַ הילפֿסמיטל, אַדאַנק וועלכן דער פּעדאַגאָגישער ציל זאָל דערגרייכט ווערן.

3) אין איין פּונקט איז מעגלעך נאָר איין אָרגאַניזאַציע פֿאַר השגחה איבער לערנייִנגלעך, דעריבער מוזן זיך אַלע אָרגאַניזאַציעס פֿונם דאָזיקן טיפּ פֿאַראייניקן אין אַ געמיינזאַמען קאָמיטעט.

4) אַחוץ דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס באַטייליקן זיך אין קאָמיטעט: א) פֿאַרטרעטער פֿון בעלי־מלאכות און פּראָפֿ. פֿאַראיינען; ב) פֿאַרטרעטער פֿון יוגנטלעכע אַרבעטער און לערנייִנגלעך.

5) דער קאָמיטעט פֿאַר השגחה אַרבעט אויס אויפֿן פּלענום נאָר די עיקר־יסודות פֿון דער אַרבעט; זיין אויספֿיר־אָרגאַן איז אַן אינספּעקטאָראַט און — אויב ס'איז נייטיק — קליינע גרופּן, וואָס בילדן זיך אויף באַשטימטע צוועקן אין אים גופֿא.

6) די צוגרייטונגס־אַרבעטן פֿונם אינספּעקטאָראַט זיינען: א) אַן איבערבליק איבער די וואַרשטאַטן, וואָס קומען אין באַטראַכט פֿאַרן אויסבילדן לערנייִנגלעך, און איבער די פֿאַבריקן, וואו עס קענען אויפֿגענומען ווערן יוגנטלעכע אַרבעטער; ב) אַ גענויע רשימה פֿון די לערנייִנגלעך און יוגנטלעכע אַרבעטער, באַזונדערס נעמענדיק אין אַכט זייערע סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן; ג) אַן ענגע פֿאַרבינדונג מיט די שולן, וואָס לאָזן אַרויס ייִנגלעך, וועלכע הייבן אָן אַרבעטן.

7) די ריינע השגחה־טעטיקייט, וועלכע איז נאָר אַ הכנה און אַן אונטערשטיצונג פֿון דער פּעדאַגאָגישער, פֿאַרטיילט זיך אויף דריי געביטן:

א) היגיענישע; ב) ווירטשאַפֿטלעך־סאָציאַלע; ג) רעכטלעכע. צו דער ה י ג י ע נ י ש ע ר טעטיקייט געהערן: 1) פּראָפֿילאַקטיק: א) אַרצטלעכע פּראָפֿעסיאָנעלע ראַטגעבונג; ב) רעגלמעסיקע אונטערזוכונג מצד דעם דאָקטאָר (אַלע פֿערטל אָדער לכל־הפּחות אַלע האַלבע יאָר); ג) קאָנטראָל [...]ון וואַרשטאַטן און וואוינונגען; ד) באַמיען זיך צו באַקומען אורלויב פֿאַר לערנייִנגלעך און יוגנטלעכע אַרבעטער און אַרויסשיקן זיי אין זומער־קאָלאָניעס; ה) לימוד פֿון אַלגעמיינער און געווערבע־היגיענע. 2) הילף ביי קראַנקייט און אומגליקספֿאַלן: א) פֿאַרזיכערונג קעגן קראַנקייטן און אומגליקספֿאַלן, וואו דאָס ווערט ניט געטאָן דורך דער רעגירונג אָדער די פּראָפֿ. אָרגאַניזאַציעס; ב) אַמבולאַטאָרישע און שפּיטאָל־הילף, פֿאַרטיילונג פֿון רפֿואות.

8) די ווירטשאַפֿטלעך־ס אָ צ י אַ ל ע אַרבעט באַשטייט אין אָרגאַניזירן די לערנייִנגלעך און יוגנטלעכע אַרבעטער אויף צו פֿאַרהיטן זיי פֿון שנאָררעריי; זיי אַזוי דערציען, אַז זיי זאָלן נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון זייערע הילפֿס־אינסטיטוציעס. די אופֿנים פֿון דער הילף זיינען: א) דערנערונג. די בעסטע לייזונג פֿון דערדאָזיקער פֿראַגע איז אַ צענטראַלע קיך, וועלכע ווערט אויסגעהאַלטן צום טייל פֿון בעלי־מלאכות און עלטערן און צום טייל פֿון פֿילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס; ב) באַקליידונג; ג) שאַפֿן היימען פֿאַר לערנייִנגלעך אָן פֿאַמיליעס אויפֿן אָרט און פֿאַר יתומים; ד) אַ שפּאָר־אָרגאַניזאַציע (אויב מעגלעך). די אַלע אַרטן הילף ווערן געגעבן אין נאַטור. נדבות מיט געלט זיינען פֿאַר קיין פֿאַל ניט דערלאָזבאַר.

9) די אַרבעט אויפֿן יורידישן געביט: דער אינספּעקטאָראַט באַמיט זיך צו שאַפֿן אַ אינסטיטוציע פֿאַר אַרבעטסרעכט פֿאַר יונגטלעכע. די אינסטיטוציע באַשטייט פֿון צוויי קאָמיסיעס: איין קאָמיסיע ווערט געבילדעט פֿונם אינספּעקטאָר צוזאַמען מיט פֿאַרטרעטער

פון אַרבעטסגעבער און פּראָפ. פאַראיינען; אין דער צווייטער קאָמיסיע גייען אַריין דער אינספּעקטאָר און פאַרטרעטער פון לערניינגלעך. אין דער ערשטער דאַרף זיך אויך באַטייליקן אַ יוריסט. די אויפגאַבע פון דער אינסטיטוציע איז פאָלגנדיקע: א) שאַפן פאַר די יוגנטלעכע אַרבעטער איינהייטלעכע אַרבעטס- און לערן-אָפּמאַכן פאַר אַלע צווייגן פון דער מלאכה; ב) בילדן אַ בורים-געריכט פאַר אַלע סיכסוכים, וועלכע קומען אַרויס פון די אַרבעטס-פאַרהעלטנישן.

10) די אייגנטלעכע פּעדאַגאָגישע אַרבעט פאַרטיילט זיך אויף דריי אויפגאַבן:

א) מיטהעלפן ביים אויסקלייבן די פּאַסיקע פּראָפעסיע דורך אַ פּסיכאָלאָגיש-אינדיווידואַליזירנדע אומפּאַרטייאישע פּראָפ. ראַטגעבונג, וואָס נעמט אין אַכט פון איין זייט די פעאיקייטן פונם יונגנטלעכן, און פון דער אַנדער זייט די אַלגעמיינע ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון דער פּראָפעסיע, כדי צו פאַרמיידן דעם שעדלעכן אָנדראַנג אין געוויסע פּראָפעסיעס, וועלכע זיינען בלויז געוויסע טעמים באַליבט ביי דער יוגנט.

ב) אונטערשטיצן די אָפט ניט גענוגנדע טעכנישע אויסבילדונג אין פּריוואַט-וואַרשטאַט דורך אַ פּראָפ. שול. אין דערדאָזיקער שול מוזן לכל-הפחות געלערנט ווערן: א) מאַטעמאַטיק, ב) ספּעציעלע פּראָפ. קענטשאַפט; ג) פאַכצייכענען. דער קאָמיטעט מוז זיך באַמיען, אַז בעלי-מלאכות זאָלן אָפּלאָזן די לערניינגלעך צום לימוד בעת דער אַרבעטס-צייט. עס איז געוואונטשן צו באַשטימען דעמדאָזיקן לימוד אויף איין טאָג אין וואָך. פאַר פּראָפעסיעס, וואו די טעכנישע אויסבילדונג איז באַזונדערס ניט גענוגנד, מוז מען פּרובן צו אָרגאַניזירן אַ דערגאַנצונגס וואַרשטאַט פאַר 6—4 שעה פּראַקטישע אַרבעט אין וואָך, לויט דעם סיסטעם פון קערשענשטיינער.

ג) אַחוץ דער פאַרבעסערונג פון דער פּראָפ. בילדונג אין פּריוואַט-וואַרשטאַטן איז אַ זייער וויכטיקע אויפגאַבע צו זאָרגן פאַר דער אַלגעמיינער קולטורעלער בילדונג פון דער יוגנטלעכער אַרבעטערשאַפט. דידאָזיקע אַרבעט איז באַזונדערס וויכטיק אין אינדוסטריעלע געגנטן, וואו די הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען אַ ווייניק געניטע אַרבעטערשאַפט, ביי וועלכער פּראָפ. בילדונג באַרנעמט גאָר אַ קליינעם אָרט. די אָרגאַניזאַציע פון דערדאָזיקער אַלגעמיינער בילדונג דאַרף ניט זיין קיין רעגולערע אַרבעטס-שול, נאָר אַ גרויסער אומפּאַרטייאישער קלוב פאַר לערניינגלעך, וועלכער קאָן זיך אַנטוויקלען פון דער איבנדערמאָנטער סאָציאַלער הילפס-אָרגאַניזאַציע. אין דעם קלוב ווערן געבילדעט גרופּן אויף באַשטימטע בילדונגס-צוועקן סיי וויסנשאַפטלעכע, סיי קינסטלערישע, סיי גימנאַסטישע. די הילפסאָרגאַניזאַציע גיט דידאָזיקע גרופּן פּנים-לייט אויף אָנצופירן מיט זיי און מיטלען אויף צו אַרבעטן. די ספּעציעלע פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס ווערן דורכן דאָזיקן קלוב ניט אָנגערירט.

11) אויב אַן אָרגאַניזאַציע פון השגחה איבער לערניינגלעך אַרבעט לויט דידאָזיקע יסודות, איז זי ניט קיין פּאַטראָנאַט פון לערניינגלעך אינם אַלטן שלעכטן באַטייט און אויך ניט קיין אָרגאַן אויף קינסטלעך צו שאַפן בעלי-מלאכות אין קעגנזאַץ צו דעם גאַנג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, נאָר דאָס איז אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע פון אַלע לערניינגלעך, וואָס קומט זיי צו הילף אין זייערע נויטן און גיט זיי די מעגלעכקייט פון אמתער בילדונג.

א י נ ה א ל ט

פארוואָרט

I. פאר־יעדיעס.

1. קערפער, שטאָף—7. 2. פארנעם און וואג פון קערפערס—9. 3. קערפערס הארטע און פליסיקע—10. 4. אויסמעסטונגען פון פארנעם בא הארטע און פליסיקע קערפערס—10. 5. ספעציפישע וואג—12. 6. גאזן, לופט—14. 7. די ענדערונג אין פארנעם פון א גאזארטיקן קערפער—19. 8. קווילזויערער גאז—21. 9. די אייגנשאפטן פון הארטע, פליסיקע און גאזארטיקע קערפערס—23. 10. דער איבערגאנג פון קערפערס פון איין צושטאנד אין א צווייטן—25. 11. צעלאזונג פון הארטע קערפערס אין פליסיקייטן—30. 12. פארברייטערונג פון קערפער בא אנוואַרימונג—34. 13. קוועקזילבערנער טערמאמעטער—36.

II. כעמישע דערשיינונגען.

14. דערשיינונגען פיזישע און כעמישע—38. 15. זויערשטאף—40. 16. אקסידירונג—44. 17. די אויסבילדונג פונם פלאם באם ברענען—45. 18. וואסערשטאף—47. 19. כעמישע עלעמענטן און כעמישע פארבינדונגען—50. 20. גטועץ אייביקייט פון שטאף—52.

III. לופט

21. אטמאספער. אטמאספערישע דרוק.—54. 22. אויסמעסטונג פונם אטמאספערישן דרוק. באראמעטער 59. 23. דער ווינט—59. 24. פיזישע און כעמישע טעטיקייט פון דער אטמאספער—60.

IV. וואסער

25. דער קרייזלויף פונם וואסער אף דער ערד—61. 26. וואסער אלס צעלאזער—62. 27. די אויסבילדונג פון וואסער און פון רעגן—64. 28. דאס דורכדרינגען פון רעגן־וואסער דורכן באדן—65. 29. די אייגנשאפטן פון אייז—68. 30. גלעטשערס—70. 31. די ענדערונגען, וואס דאס וואסער מאכט אפן אויבערפלאך פון דער ערד—73.

V. די ערד־קאָרע

32. דער בוי פון דער ערד—75. 33. וואולקאנען—77. 34. הייסע קוואלן—80. 35. די אויסבילדונג פון די פאלדן אף דער ערד־קארע—81. 36. באשטאנד פון דער ערד־קארע. בארג־מינים. מינעראלן—85. 37. וואולקאנישע, אפגעזעצטע און אָרגאנישע בארג־מינים—87. 38. באדן—91. 39. ליים. זאמד. קווארץ—92. 40. שטיינקוילן. טארף. גראניט. דימענט—94. 41. שטיין־זאלץ—97. 42. גיפס—98. 43. אײַזן—99. 44. די איבעריקע וויכטיקסטע מעטאלן—101.

VI. די געשיכטע פון דער ערד

45. די ערד אלס א פלאנעטע—102.

ביילאַגע

מעטרישע (דעצימאלע) מאסן—104.

[5 (075) = 924]

В. КАПЕЛЬКИН—А. ЦИНГЕР

ПРИРОДОВЕДЕНИЕ

Неживая природа

У.С.Р.Р.
ДЕРЖАВНЕ ВИДАВНИЦТВО